**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 07/27/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

# גאווערנער האקול אנאנסירט עקאנאמישע אנטוויקלונג צוטיילונגען אויפטרייבנדיג מער פון $830 מיליאן אין קאפיטל אינוועסטירונגען און שטיצן מער ווי 4,500 פאסטנס

***עטליכע מערב-ניו יארק אונטערנעמונגען געשטיצט מיט נידעריגע-קאסט ענערגיע צוטיילונגען און $670,000 אין פינאנצירונג צוטיילונגען פון קראפט הכנסה פאנד***

***עס שטיצט ניו יארקס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט פלאן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק קראפט אויטאריטעט ( New York Power Authority, NYPA) באורד אָוו טראַסטיס האט באשטעטיגט עקאנאמישע אנטוויקלונג צוטיילונגען לויטן סטעיטס ReCharge NY [פראגראם](https://example.com) פאר 21 פירמעס וואס וועט סטימולירן מער פון $800 מיליאן אין קאפיטל אינוועסטירונגען און שטיצן נאענט צו 4,500 פאסטנס — 727 פון יענע פאסטנס ניי באשאפן. דערצו, נידעריגע-קאסט נייאגארא הידראקראפט איז צוגעטיילט געווארן צו א פירמע אין בופאלא צו סטימולירן $8.6 מיליאן אין קאפיטל אינוועסטירונג אין דעם ראיאן און $670,000 אין צוגעטיילטע פינאנצירונגען זענען באשטעטיגט געווארן צו דריי פירמעס דורך דעם מערב-ניו יארק קראפט הכנסות פאנד.

"די עקאנאמישע אנטוויקלונג צוטיילונגען פון דער ניו יארק קראפט אויטאריטעט שטיצט ניו יארקס, דאס לאנדס אנפירער, אריבערצוגיין צו א ריינע ענערגיע עקאנאמיע," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך אויסניצן נידעריגע-קאסט קראפט, טוט דער ReCharge NY פראגראם ווידער אויפלעבן קאמיוניטיס איבער ניו יארק סטעיט, ארייננגיסנדיג ביליאנען דאלארן פון אינוועסטירונגען און שאפן צענדליגער טויזנטער פאסטנס."

די באשטעטיגטע צוטיילונג פון מער ווי ניין מעגאוואטס (megawatts, MW) פון נידעריגע קאסט קראפט אונטער דער ReCharge NY פראגראם וועלן ווערן איבערגעשיקט פאר 21 קאמפאניס אין דער קאפיטל דיסטריקט, צענטראל ניו יארק, פינגער לעיקס, דרום צירקל, האדסון וועלי, ניו יארק סיטי, מערב ניו יארק, און אויף לאנג איילענד.

ReCharge NY האט פארשטערקערט ניו יארק סטעיט׳ס עקאנאמיע דורכן ערמוטיגן פירמעס צו היטן און שאפן נייע פאסטנס, און אין דער זעלבער צייט אויפטרייבן קאפיטל אינוועסטירונגען איבער די גאנצע סטעיט. ReCharge NY טראגט אן קראפט קאנטראקטן פון ביז זיבן יאר. האלב פון די ענערגיע קראפט -- 455 MW מעגאוואטס - קומט פון די ניו יארק קראפט אויטאריטעטס ( New York Power Authority, NYPA) ניאגארא און סט. לאורענס-פראנקלין ד. רוזוועלט הידרא-עלעקטרישע קראפט פאבריקן. די איבעריגע MW455 זענען ביליגע טרייב קראפט געקויפט דורך די NYPA אויף דעם האולסעיל מארקעט.

דער NYPA ראט האט באשטעטיגט א 450-קילאוואט ReCharge NY (kilowatt, kW) קראפט צוטיילונג צו קומינס, א דיזיינער און פאבריצירער פון מאטארן און קראפט געטריבענע פראדוקטן אין דער אטוי אינדוסטריע. קומינס וועט אינוועסטירן $452 מיליאן אין איר טשאוטאוקווא קאונטי סייט צו איבעארבעטן דעם פאבריק פאר דעם נעקסטן דור פון פראדוקטן. די פירמעס פארשפרייטונג וועט שאפן 90 נייע פאסטנס און וועט שטיצן נאך 1,280 פאסטנס וואס עקסעסטירן שוין.

דערצו, האט דער NYPA באורד אוו טראסטיס ארויסגעגעבן א נידעריגע קאסט ReCharge NY קראפט צוטיילונג צו אייספייס עסנווארג אין קארטלאנד קאונטי. אייספייס פירט אן אימפארטס, פראצעסירט, און א סופלייער פון קרייטעכצער און געווירצן פון ארום דער וועלט. די פירמע וועט אינוועסטירן $25 מיליאן צו קויפן און רעמאנטירן א בנין אז עס זאל מאכן פלאץ פאר מער ווי 50 פראדוקציע ליניעס. די נייע פאסיליטי וועט אויך האבן א לאבאראטאריע פון אויספארש און אנטוויקלונג פון נייע פראדוקטן. אייספייס האט באקומען א MW 2.25 נידעריגע קאסט קראפט צוטיילונג און האט זיך אונטערגענומען צו שאפן 350 פאסטנס אין צענטראל ניו יארק.

א פולע ליסטע פון די היינטיגע ReCharge NY קראפט צוטיילונגען און עקאנאמישע אנטוויקלונג שטיצע קען מען זען [דא](#).

**ניו יארק קראפט אויטאריטעט פארזיצער דזשאן ר. קאולמעל האט געזאגט,**"די היינטיגע עקאנאמישע אנטוויקלונג מעלדונגען ווייזט ווייטער אן די טיפקייט און ברייטקייט פון דער קראפט אויטאריטעטס השפעה אויף דעם בופאלא נייאגארא געגנט און דעם אלגעמיינעם מערב ניו יארק ראיאן. די היינטיגע אקציעס פון דער NYPA באורד אוו טראסטיס טוט דירעקט שטיצן קומינס $500 מיליאן אינוועסטירונג אין טשאוטאוקווא קאונטי און טוט אויך דערמעגליכן די היספאניק קולטור קאונסיל צו בויען א קולטורעלע און עדיוקעישענל צענטער אין בופאלאס מערב זייט. די קראפט אויטאריטעט טוט ווייטער אויסניצן די נידעריגע קאסט נייאגארא הידרא-קראפט צו פארבעסערן די עקאנאמישע און קולטורעלע וואוילזיין פון אונדזער האוסט קאמיוניטיס."

**ניו יארק קראפט אויטאריטעט פרעזידענט און CEO דזשאסטין אי. דריסקאל האט געזאגט,**"די נידעריגע קאסט צוגעטיילטע קראפט וואס איז היינט באשטעטיגט געווארן ביי דער NYPA באורד וועט העלפן שטיצן ניו יארק ביזנעסעס צו שאפן נייע פאסטנס, און צוברענגען קאפיטל אינוועסטירונגען. דורך אויסניצן ריינע, באנייעוודיגע הידרא קראפט, העלפט די קראפט אויטאריטעט פארגרעסערן לאקאלע עקאנאמיעס און קאמיוניטיס. די פינאנצירונג צוטיילונגען וואס איז באשטעטיגט געווארן אין היינטיגן זיצונג וועט העלפן אפצייכענען און פארהיטן מערב ניו יארקס ספעציעלע קולטורעלע טראדיציעס."

אין היינטיגער זיצונג, האט דער NYPA באורד אויכעט באשטימט א kW-410 נידעריגע קאסט נייאגארא הידרא-קראפט צוטיילונג צו פאטער סאמס בעקעריי אין בופאלא, א האלסעיל בעקעריי וואס ספעציעליזירט אין דער פראדוקציע פון טארטיע מעל און פלאכע-ברויט פראדוקטן. דער צוטיילונג וועט שטיצן דאס בעקערייס $8.6 מיליאן פארברייטערונג, וואס איז כולל א 16,875 קוואדראט פיס צוגאב און די אינסטאלאציע פון צוויי פול-אויטאמאטישע טארטיע מעל ליניעס וואס ריכט זיך צו פארמערן די יכולות פון פראדוקציע ביי בערך 40 פראצענט. דער ארויסקום פון איר פארברייטערונג וועט שאפן פאר פאטער סעמס 12 פול-צייטיגע פאסטנס.

ביליגע היידראָו-פּאַווער אין ניאגארא איז דא צו באקומען פאר פירמעס וועלכע געפונען זיך אין די 30-מייל ראדיוס פון די פּאַווער אויטאריטעט'ס ניאגארא פאווער פראיעקט אדער פאר ביזנעסער אין שעטאַקוואַ קאונטי.

די NYPA באַוואָרד אַוו טראָסטיס האט אויך באשטעטיגט ‎$670,000 אין פינאנצירונג צוטיילונגען פון דער מערב ניו יארק קראפט הכנסות פאנד פאר געשעפטן אין בופאלא.

לאנצירן, א נישט פאר קיין ריווח ארגאניזאציע וואס שטעלט צו שטיצע פאר אנהייבערס, האט באקומען ‎$250,000 אין פינאנצירונג צו שטיצן א נייעם פראיעקט וואס וועט העלפן טרענירן אונטערנעמערס מיט פירמעס וואס האבן די פאטענציאל פון הויכע געוואוקס. אנטייל נעמערס וועלן באקומען אינדיווידועלע און גרופע טרענירונג סיי פערזענליך און אין ווירטועלע סעסיעס צו צוגרייטן א ביזנעס מאדעל און פלאן צו העלפן צו ציען ביזנעס אינוועסטירונג. דער פראיעקט ריכט זיך צו טרענירן ביז 100 ביזנעסעס אין א תקופה פון צוויי יאר.

די בופאלא נייאגארא קאנווענטשען און באזוכערס ביורא זענען צוגעטיילט געווארן ‎$120,000 אין קראפט געצאלטע געלטער צו שטיצן א מארקעטינג קאמפעין צו צוציען מענטשן מיט א נייגונג פאר קונסט, טראדיציע טוריזם, און דערויסנדיגע פארווייילונג צו דעם בופאלא נייאגארא ראיאן. מארקעטינג אויספארש מיטלען וועלן ערלויבן די פירמע צו דערטאפן דעם פראיעקטס ווירקונג פון באזוכערס אין דעם ראיאן.

דער NYPA באורד האט אויך באשטעטיגט א ‎$300,000 פינאנץ-צוטיילונג פאר דער היספאניק טראדיציע קאונסיל פון מערב ניו יארק. דער קאונסיל איז א נישט-פאר-קיין-ריווח ארגאניזאציע דעדיקירט אפציהיטן דעם ראיאנס היספאניק קולטור, פלאנירט צו בויען א דריי שטאקיגע, 36,000 קוואדראט פיס קולטורעלע און עדיוקעישענעלע צענטער אויף בופאלאס מערב זייט. דער בנין וועט האבן א טעאטער, פלאץ פאר פאסירונגען, מעדיא צענטער, לערן-לאבאראטאריעס, און וועט פארלייגן ארבעטערס און ביזנעס אנטוויקלונג פראגראמען.

די NYPA פינאנצירונג אויסטיילונג איז ערמעגליכט דורך נעטא פארדינסט פאראורזאכט דורך דאס פארקויפן אומגעניצטע הײדראָ-קראפט געשאפן ביי דעם קראפט אויטאריטעט ביי דעם ניאגארא קראפט פראיעקט און שטאמט פון קראפט הכנסה לעגיסלאציע וואס איז אונטערגעשריבן געווארן אלס געזעץ אין 2012.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**
ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום ווייניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. אנגעפירט ביי טייל פונעם לאנד'ס מערסט אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע איניציאטיוון, איז ניו יארק אויף דעם ריכטיגע וועג צו דערגרייכן איר ציל צו האבן אן עלעקטרישע סעקטאר פריי פון עמיסיעס ביז 2040, אריינרעכענענדיג אנצוקומען צו 70 פראצענט פון באנייעוודיגע ענערגיע אויפטרייבונג ביז 2030, און צו אנקומען צו א קאַרבאַן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון דעם יאר-הונדערט. א גרונדשטיין פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכענענדיג איבער 35 ביליאן דאלאר אין 120 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע אויפטרייבונג און טראנסמישען פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 1.8 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, מער פון 1 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספארטאציע איניציאטיוון און איבער 1.8 ביליאן דאלאר אין NY Green Bank (גרינע באנק) פארפליכטונגען. די און אויך אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 165,000 פאסטנס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2021 און א 2,100 פראצענטיגע וואוקס אין די אויסגעטיילטע סאלאר סעקטאר זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן

פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן גייען ווייטער אן צו שטופן פאראויס ניו יארק'ס קלימאט אקציע, מיט כמעט 400 רעגיסטרירטע און 100 סערטיפייד קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג איניציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו צילן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

**וועגן NYPA**
NYPA איז דער גרעסטע סטעיט פובליק ענערגיע קראפט ארגאניזאציע אין דעם לאנד, און וועלכער אפערירט 16 דזשענערעיטינג פאסיליטיס און מער ווי 1,400 מייל פון טראנסמיסיע ליניעס מער ווי 80 פראצענט פון די עלעקטריק וועלכע NYPA פראדוצירט איז זויבערע רעניועבּל היידראָ-פּאַווער. NYPA פינאנצירט אירע אפעראציעס דורך דאס פארקויף פון באנדס און איינקונפט פארדינט אינגאנצן דורך פארקויפן עלעקטריק. פאר מער אינפארמאציע באזוכט www.nypa.gov און גייט אונדז נאך אויף Tumblr, Instagram, Facebook, Twitter און LinkedIn.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן